# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה״צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ״ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ואתחנן
תש״פ לפ״ק
גליון קי״

## פראגע

### איז זינגען ניגונים און זמירות פאררעכנט אלס עבודת השם?

## ענטפער:

די שאלה גלייך איך פערצופאל. די ערשטע טעיפ אין אונזער רשימה הייסט "זינגען אויף דער וועלט". עס איז זייער א וויכטיגע נושא. עס שטייט אין פסוק "שירו לו זמרו לו" - זינגט צו אים און מאכט מוזיק פאר אים. אסאך מענטשן ערפילן דעם "לו", צו אים, אבער עס פעלט די "שירו", די זינגען, די ענטוזיאזם. זיי זאגן, "מיר דאנקען דיר באשעפער," אבער זיי **זינגען נישט** צו אים. זיי זענען נישט **באמת דאנקבאר**. זיי זענען נישט פריילעך.

די ערשטע זאך דארף מען פארשטיין אז דא איז א פריילעכע וועלט. עס גייט מיר נישט אן וואס איר וועט מיר ווייזן, אפילו ראיות פון צדיקים (וואס ליידן). וואס איך זאג אייך איז דער אמת - ס'איז אין חומש! "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד" - דער אויבערשטער האט געזען אלעס וואס ער האט געמאכט, און ס'איז זייער א גוטע וועלט. דוד המלך האט געזאגט: "אני אמרתי" - איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז **"עולם חסד יבנה"** - אז די וועלט איז געבויט געווארן פאר חסד.

ווען א מענטש הייבט אן צו פארשטיין אז ס'איז זייער א גוטע וועלט - וואספארא געשמאק איז צו לעבן! אפילו בלויז צו זיצן דא און קיין געלט, און קיין פעני אין טאש, ס'איז א הנאה! פשוט צו לעבן! ס'איז א גליקליכקייט! ווען א מענטש קומט צו אט דער פארשטאנד, דאן הייבט דער מענטש אן צו זינגען.

און מען דארף נעמען "זינגען לעסאנס" ביז מען לערנט זיך צו זינגען אגאנצן טאג צו השי"ת. "להגיד בבוקר חסדך" - אנצוהייבן אינדערפרי, "ואמונתך בלילות" - און צו זינגען אגאנצן טאג ביז ביינאכט ווען מען גייט שלאפן. און דערפאר איז זינגען אודאי עבודת השם.

יעצט, אויב מען זינגט זאכן וואס זענען באדייטלאז, אויב זינגט מען אן קיין מחשבה, איז עס נאך ערגער ווי א שאד די צייט. עס איז א שגעון. אויב איר ווילט טרעפן א פלאץ וואס קוקט אויס די מערסטע ענליך צו א משוגעים הויז, גייט דורך א מוזיק געשעפט. עס איז די משוגע'נסטע פלאץ. זיי זינגען פאר גארנישט. אויף וואס ביזטו פריילעך? זיי ניצן נישט די מינדעסטע מחשבה, נישט די מינדעסטע פארשטאנד. און די וואס זינגען נידריגע זאכן? דאס איז נאך די גרעסטע טיפשות.

עס זענען דא געוויסע זאכן אין לעבן וואס הקב"ה וויל דו זאלסט אייביג זינגען דערוועגן, און די וויכטיגסטע פון די אלע זאכן איז וועגן אים אליינס. זינג וועגן דעם אויבערשטן! הודו לשם! זינג צו אים. וועגן דעם איז זינגען זייער א גרויסע פארעם פון עבודת השם. א געוואלדיגער אופן. אויב דו זינגסט ביים שבת-טיש, טו עס מיט מחשבה. טראכט אריין וואס דו זאגסט. די הערליכע ניגונים פון שבת דרוקן אויס געוואלדיגע געדאנקען!

אבער צו גיין צו פלעצער צו הערן זינגען, אדער צו גיין לאמיר זאגן צו קאנצערטן, עס איז הונדערט פראצענט א שאד די צייט און געלט, ווייל וואס מען הערט דארט ווען א כאפטע היפיס און באמס קומען זיך צוזאם, איז מיסט; די אטמאספערע איז טמא שבטומאה. עס איז דאס ערגסטע; מען זינגט נישט צו השי"ת.

אויב דו גייסט אבער אין גאס, און עס איז דא א גרויסע געוודער פון די טרעפיק - קיינער קען דיר נישט הערן, און דו עפנסט אויף דיין מויל צו זינגען צום אויבערשטן אויפ'ן גאס, דער איז א קלוגער מענטש. פראקטיצירט עס. האט איר עס נאך קיינמאל נישט געטון? פרובירט עס. ווען איר גייט אונטער די באן-שינעס, בשעת די באנען דונערן העכער'ן קאפ, עפנט א גרויסן מויל און זינגט צום אויבערשטן! אויף וואס? זינגט צום אויבערשטן אז איר האט נישט קיין קאלאסטאמיע. אהה! ברוך אתה השם! איך בין געזונט און שטארק! זאל איך נישט זיין פריילעך? אה, עס איז אזא געוואלדיגע גליקליכקייט! ברוך השם!

זינגט צו השי"ת אז דו קענסט הערן. הערן איז א געוואלדיגע מתנה. דו האסט ארויפגעלייגט צוויי אויערן אויף די זייטן פון מיין קאפ, אויפ'ן ריכטיגן פלאץ וואו איך דארף זיי. עס איז א וואונדערבארע סדר. **קול** איז א נס. די וואס האבן נישט געלערנט קיין פיזיקס פארשטייען נישט וואספארא וואונדערליכע ערשיינונג קול איז. מען הערט נישט מיט די אויער. מען הערט מיט די מח. עס איז דא קול-כוואליעס וואס פארן אויף א וואונדערליכן וועג. איין כוואליע שטיפט די צווייטע און טאנצט צוריק, ביז די כוואליעס דערגרייכן די אויער-דראם. די אויער-דראם איז זייער האקל. זייער עמפינדליך. דערנאך איז דא דריי ביינער צוגעקלעבט צום אויער-דראם און זיי פארשטערקערן דאס קול, און דאן גייט עס צו די נערוועז און עס גייט דורך דעם מח. דעמאלטס פאסירט עפעס וואס מיר רופן קול.

די שאלה איז, לאמיר זאגן עס איז נישט דא קיינער צו הערן און די מוזיק שפילט. וועט אויך זיין א קול? ניין! עס איז נישט דא קיין קול אויב קיינער הערט עס נישט. קול פאסירט דא (דער רב האט געוויזן אויף זיין קאפ), נישט אינעם מוזיק אינסטרומענט. קול איז בלויז אין מח. דארט איז וואו די נפלאות הבורא געשעט. איז איר דארפט זינגען צום באשעפער אז איר קענט הערן.

עס איז דא אזויפיל אויף וואס צו זינגען, אז מען קען קיינמאל נישט ענדיגן. אבער מען דארף זיך לערנען וויאזוי צו זינגען. און לאמיר אייך זאגן, אויב איר טוט דאס, וועט איר באלוינט ווערן אויף דער וועלט מיט א געוואלדיגע גליקליכקייט און איר וועט אויך באלוינט ווערן אויף יענער וועלט. אזוי ווי איר הערט אלץ דא: "כל האומר שירה בעולם הזה זוכה ואמרו לעולם הבא" - אויב מען זינגט אויף דער וועלט, וועט איר באלוינט ווערן צו קענען זינגען צו השי"ת אויף אייביג אין עולם הבא.(729)

פראגע

## אויב וועט נישט זיין קיין בחירה אין משיח'ס צייטן, פארוואס קוקן מיר ארויס דערויף?

## ענטפער:

דער אמת איז אז עס וועט **יא** זיין א בחירה אין משיח'ס צייטן. דער רמב"ם פסק'נט ווי שמואל אז "אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד גליות בלבד". אין משיח'ס טעג וועט זיין א בחירה חפשית.

נאך תחיית המתים וועט שוין נישט זיין מער קיין בחירה, אין עולם הבא איז נישטא קיין בחירה, בלויז שמחה און שכר. אבער אין די ימות המשיח וועט זיין בחירה. אבער איין זאך וועלן מיר שוין נישט האבן, עס וועט נישט זיין די בחירה פון זיין אידן **טראץ** די פאראכטונג פון די גוים; מיר וועלן שוין נישט קענען גיין אויף די גאס מער און הערן עמיצן שרייען "שמוציגער איד". דאס איז א **פריוויליגיע** וואס מיר האבן בלויז יעצט! מיר זענען גליקליך היינט. אויב איר גייט אויפ'ן גאס און איר ווערט באליידיגט ווייל איר זענט א איד, זאגט דער רמב"ם, "תפארת גדולה היא לנו!" - עס איז א געוואלדיגע כבוד פאר אונז. איר הערט?

לאמיר האפן אז עס וועט פאסירן. דו גייסט אויפ'ן גאס און א שווארצער מאן שרייט "איד, אידו!" ברוך השם, דו ביזט אזוי גליקליך!

איך דערציייל אלץ די מעשה פון רבי משה מאנטיפיורי וואס איז געווען דער מעיאר פון לאנדאן, און ער איז געווען א מיליאנער. ער האט אמאל געהערט אז די אידן אין רוסלאנד ליידן פון רדיפות, איז ער געפארן קיין רוסלאנד צו רעדן צום צאר, און אים בעטן צו העלפן די אידן אין זיין לאנד.

ווען ער איז דורכגעפארן ווארשע איז ער געפארן אין זיין אייגענע קארעטע מיט משרתים אין מונדירן ווי אן ענגלישער באראן, און א פוילישער גוי איז נאכגעלאפן זיין קארעטע און געזאגט "זשיד, זשיד". האט ער אפגעשטעלט זיין קארעטע, אים נאכגעלאפן און געכאפט דעם גוי, וואס האט זיך געווארפן פאר שרעק און אים געברענגט צו זיין קארעטע. ער האט ארויסגענומען א פונט באנקנאט - עס איז געווען א גרויסע סומע געלט אין יענע צייטן - און עס געגעבן פאר דעם גוי.

ער האט אים געזאגט, דארט אין ענגלאנד רופט מען מיר מיט אלע סארט נעמען, לארד, מעיאר, זיי רופן מיר באראן מאנטיפיורי, איך האב אסאך טיטלען, אבער די גרעסטע טיטל פון אלע איז דאס וואס דו האסט מיר יעצט גערופן, זשיד! דאס איז די גרעסטע טיטול פון אלעם!

זשיד מיינט יוד, יהודה! איינער וואס לויבט דעם אויבערשטן, די גרעסטע פון אלע טיטלען!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!

אידיש!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב